# מקור הישועות

אידן גרייטן זיך צו דער הילולא קדישא פון הרב הקדוש פועל ישועות רבן של ישראל

## בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע

זאת נדבת הרבני הנגיד עושה ומעשה למען כבוד בית אבותיו בית ליסקא שמו מפארים ה"ה מוה"ר משה זעליג ני"ו
לע"נ זקינו מוה"ר צבי בן מוה"ר חיים שפיטצער ז"ל נכד הרב הקדוש מליסקא זצוק"ל זי"ע

הגליון הזה נתנדב לעי"נ הרבני הנגיד המפורסם, כבוד שמו תפארת מוה"ר מאיר זעליג ריספלער ז"ל
הוא הגבר אשר זכה וזיכה את הרבים, ובעזרתו זכינו לחזק ולשפץ בנין האוהל הקדוש של רבוה"ק מליסקא זי"ע

## בימים ההם בזמן הזה

**דאנערשטאג פרשת ואתחנן, י"ד מנחם-אב, פאלט אויס די יומא הילולא קדישא פון הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע,** אויך באקאנט על שם ספרו הקדוש 'אך פרי תבואה', וואס בשעתו געווען דער קרבניטא דספינא פון אונגארן, געווען מפרסם מיט זיינע דאפעלטע כוחות, סיי אלס גאון אדיר וחריף בתורה אשר כל רז לא אניס ליה און סיי אלס צדיק וקדוש ופועל ישועות בקרב בארץ. אלע צדיקי דורו האבן אים זייער געשעצט און מעיד געווען אויף זיינע גרויסע כוחות בכפליים מיט זיין גאונות אדירה בתורה און מיט זיין כח פון צדיק גוזר והקב"ה מקיים.

"מה להלן עומד ומשמש אף כאן עומד ומשמש", די צוויי כוחות, זיין כח התורה און זיין כח לפועל רפואות וישועות, זעצט פאר ווייטער אויך נאך זיין פטירה עד היום הזה. צדיקים וחסידים רבנים ותופסי ישיבות האבן געלערנט יעדן וואך דעם ספה"ק אך פרי תבואה, ביי יעדן יום טוב ספה"ק הישר והטוב, ווי אויך געלערנט און נאכגעזאגט זיינע עמקות'דיגע חידושים ופלפולים אויף סוגיות הש"ס פונעם צווייטן חלק פון ספה"ק הישר והטוב ועד היום הזה זענען די ספרים פון הגה"ק רבי הירש'עלע זי"ע פון די ספרי יסוד ובפרט ביי יוצאי אונגארן (וואס דאס פארלאנגט א ארטיקל פאר זוך).

דער צווייטע כח פונעם 'אך פרי תבואה' פון צדיק גוזר והקב"ה מקיים, האט זיך ווייטער פארגעזעצט לאחר פטירתו, אנגעהויבן תיכף ממחרת קבורתו. זיין ציון המציונת איז געווען גערעכנט אין אונגארן צווישן די דריי גרויסע יארצייטן (ז' אדר אין קאלוב; כ"ח תמוז אין אוהעל; י"ד אב אין ליסקא) צו ווי טויזענטער אידן זענען געקומען זיך אויסבעטען און אויסוויינען, דער הייליגער קבר איז געווען אנגעקוקט ווי א דבר בדוק ומנוסה לפקוד בדבר ישועה ורחמים, ווי עס האט זיך געווארפן גרויסע מופתים ועד היום הזה זענען שוין טויזענטער אידן געהאלפן געווארן במשאלות לבם.


ציון הקדוש פון בעל "אך פרי תבואה" מליסקא זי"ע

אזוי אויך אין די יעצטיגע טעג גרייטן זיך צו א גרעסערע צאל אידן צו די גרויסע ליסקא יארצייט ווי מ'וועט פועל'ן ישועות און רפואות, בכלל ובפרט, וואס אידן קוקן אזוי שטארק ארויס אויף דעם הייליגן טאג יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבן של ישראל בעל אך פרי תבואה זי"ע אין ליסקא.

טויזענטער אידן פלעגן קומען ביום ההילולא על ציונו הקדוש אין



יו"ל ע"י קרן בית ליסקא הממונה על משמרת בית החיים ושטח בנין הכנסת אורחים בנשיאות כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א • 718-436-5555 • Office@BaisLiska.org




**שטאט ליסקא און זיך אויסבעטן ישועות ורפואות בגוף ובנפש. ווי דער 'אך פרי תבואה' זעלבסט האט געזאגט איידער זיין פטירה: "זארגטס ענק נישט, איך וועל אויפטוהן מער אין די זאקן, ווי אין די שיך", מיינעדיג מיט דעם אז ער ווערט ווייטער ארויס העלפען פאר ווער עס קומט נאר צו מתפלל זיין ביי זיין ציון.**

ווי ווייט מרן הגה"ק מליסקא זי"ע האט געהאלטן אז דער טאג פון זיין פטירה האט גאר א גרויסע באדייט, קען מען זעהן פון דעם אינטערסאנטער עובדא, אז ער האט זיך באוויזן אין דעם טאג פון זיין יארצייט, י"ד אב, צום חוסטער רב, הגה"צ רבי יואל צבי ראטה זצ"ל, בעל שו"ת בית היוצר, און האט אים געזאגט אז ער זאל נישט זאגט קיין תחנון אין דעם טאג. (זעה דער סיפור הדברים באריכות אינעם הקדמה פון ספר דרשות בית היוצר).


אך פרי לצדיק : ויעשו פרי תבואה

ספר

אך פרי תבואה

על התורה

צבי הירש ... אהרן ... ליסקא

אשר ...

חלק ראשון

... זאב וואלף ...

אך פרי לפי צריך

MUNKÁCS,

gedruckt bei Pinkas Blayer 1875.

זה השער לה׳ צדיקים יבאו בו

צילום שער דפוס ראשון

*

**הרה"ח בנש"ק ר' אהרן טייטלבוים ז"ל פון איהעלי האט דערציילט:**

ביי די קבורה פון הגה"ק מליסקא זי"ע, האט דער עולם אריינגעווארפן אינעם אפענעם קבר קוויטלעך מיט בקשות. דעם אנדערן טאג איז דער אך פרי תבואה געקומען אין חלום צו איינעם פון זיינע חסידים און האט אים געזאגט: "איך האב געזען דיין קוויטל, אבער נעכטן בין איך געווען פארנומען מיט מיר. דעריבער זאלסטו נאכאמאל קומען אויף מיין קבר, און זאלסט מזכיר זיין דיין בקשה".

*

יעדעס יאר אינעם טאג י"ד אב, די יומא דהילולא קדישא פון הגה"ק מליסקא זי"ע זענען געקומען טויזנטער מענטשן פון אלע עקן לאנד זיך משתטח זיין אויף זיין הייליגע ציון, צווישן זיי אויך די גדולי הדור.

**דער קאשוי'ער רב, הגה"צ רבי רפאל בלום זצ"ל** פלעגט אסאך יארן רעדן אין דעם טאג, וואס האט זיך אפגעטוהן אין אונגארן

שוין טעג איידער דער יארצייט האט מען זיך געלאזט איבער די וועגענער און אויף די באנען אנצוקומען קיין ליסקא.

דערביי האט ער נאכגעזאגט פון א בריעוו וואס זיין טאטע הרב ר' שמואל בלום ז"ל האט געשריבן בשנת תרצ"ה (געדרוקט אין ספר 'נפתלי שבע רצון'):

"...גם זאת אזכיר, כי על היארצייט בליסקא (י"ד מנחם אב) היה המנהג מקדמת דנא, כי גם הרבה בחורים מהישיבות הסמוכות מתאספו ובאו שמה, ונקבצו בכל עת **כמו מסיקסא, ש'פאטאק, טשאבא, ה' מאד, קערעסטור, סערענטש, סעמיהאל, אויהעלי, נירעדהאז, טאקאי, פוטנאק, מישקאלץ**, וכו' וכו'.

ופעם אחת היינו כמו ארבעים וחמישים במספר, והלכנו יחד שלובי זרוע, לכל הרבנים הגדולים שהיו שם לקבל פניהם וברכתם, וראשון תחילה לרבינו הגאון [בעל בית נפתלי ממאד] ז"ל, וקבל אותנו בסבר פנים יפות, וציין כמעט את כל אחד ואחד עם איזה דברים חמים, והלהיב אותנו להתמדת הלימוד, כי הם חיינו. וקראנו בקול חי..."

*

אפילו יארן שפעטער ביז צום לעצטן קריג זענען נאך מאסן מענטשן געקומען צו גיין אויף דער יארצייט. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ירחון 'װילקט יוסף' (שנה ב סי' רכו) ווי ער באווינדערט אז נאך אזויפיל יארן זינט דער פטירה פון הגה"ק מליסקא זי"ע שטראמען נאך אלס אזויפיל אידן צום ציון המצויינת אין ליסקא, מענער פרויען קינדער, יונג און אלט, פון נאהנט און פון ווייט האט באלאגערט ליסקא, צווישן זיי תלמידי חכמים, צדיקים מופלגים, חסידים ואנשי מעשה, עמודי התורה אשר בית ישראל נשען עליהם.

*

די 'חברה קדישא' פלעגן פארקויפן קארטלעך פאר יעדן וואס האט געוואלט אריינגיין אינעם אוהל מתפלל זיין, און די איינקונפט איז געגאנגען פאר די חברה קדישא. ביים יארצייט האבן זיי פארקויפט מער ווי צוועלף טויזנט קארטלעך. (מפי הגה"צ מוואלקאן זצ"ל).

## הרב הקדוש בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע

ווי דערמאנט, צווישן די צדיקים קדושים עליונים וואס פלעגן קומען זיך משתטח זיין אויפן הייליגן ציון אין ליסקא, אז ער זאל מעורר זיין אז זייערע תפילות ובקשות זאל מתקבל ווערן, איז אויך קומען ידיד מנעוריו הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע.



# ליסקא

## י"ד אב הבעל"ט

צום יארצייט פון דעם גרויסען צדיק און פועל ישועות

## הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זיע"א

בעל אך פרי תבואה זצוק"ל




מ'פארט ארויס אי"ה

**דינסטאג פרשת ואתחנן 6:20 נאכמיטאג**

מ'וועט זיין צוריק אי"ה

**דאנערשטאג פרשת ואתחנן 8:55 ביינאכט**

מיטוואך וועט מען אי"ה מתפלל זיין
אין ליזענסק, צאנז, קערעסטיר.

**דאנערשטאג יומא דהילולא קדישא**

מען וועט אי"ה דאווענען שחרית אין דעם אלט'ן ליסקא שוהל ווי דער הייליגע אך פרי תבואה פלעגט דאווענען אין די הייליגע טעג, דערנאך וועט מען עולה זיין על ציון הקדוש און אויסזאגן גאנץ ספר תהילים להיפקד בדבר ישועה ורחמים.

**פלעצער זענען זייער באגרעניצט**
**רופט שוין כל הקודם זכה!**

ללכת

פלעצער זענען באגרעניצט רופט שוין

**718.215.1566**

WWW.LALECHET.COM/LISKA

ה'שוהל של רבוה"ק מליסקא זי"ע - אדרעס: Kossuth Lajos Ut 159, Olaszliszka, Hungary

שומר: +36-70-341-8923

ובימי חוליו ווען דער ייטב לב איז נישט געזונט געווען האט נר געשיקט א קוויטל צום ציון המציונת פון הגה"ק מליסקא זי"ע. (מפי הר"ר חיים בלאקסענהיים ז"ל בשם דער שערי הישר זי"ע; הרה"ח מו"ה נחום מרדכי שפיצער ז"ל).

## הרב הקדוש רבי אליעזר מקאמארנא זי"ע

אמאל איז הרה"ק רבי אליעזר'ל מקאמארנא זי"ע געווען אין שטאט ליסקא, און ער האט פלוצלינג דערשפירט אז ער איז בעצבות, האט ער דאס אנגעהאנגן ווייל די גאנצע צייט וואס ער האט זיך אופגעהאלטן אין ליסקא, איז ער נאכנישט געווען ביים ציון פון הגה"ק מליסקא זי"ע. (מפי הרה"ח ר' יצחק הארטשטיין ז"ל בשם מרן הגה"ק בעל שערי הישר מליסקא זי"ע הי"ד).

## הרב הקדוש רבי יעקב משה מקאמארנא זי"ע

הרה"ק רבי יעקב משה מקאמארנא אין די יארן וואס ער האט געוואוינט אין אונגארן פלעגט ער קומען קיין ליסקא זיך משתטח צו זיין על הציון. ובפרט ווען ער איז געווען אין איהעלי ביים ציון פון זיין זיידע הגה"ק רבי סענדער'ל זי"ע פלעגט ער זיך אויך אפשטעלן מתפלל צו זיין ביים ציון פון ליסקא רב זי"ע. (מפי הר"ר שלום שווארץ ז"ל.

## הרב הקדוש בעל בית נפתלי ממאד זי"ע

הגה"צ רבי נפתלי הכהן שווארץ זצ"ל, בעל בית נפתלי עה"ת ושו"ת, פלעגט קומען קיין ליסקא אויף דער טאג פונעם יארצייט, ער האט אפילו מיטגעברענגט די בחורים, זיינע תלמידים פון זיין גרויסע ישיבה.

## הרב הקדוש מסאטמאר זי"ע

עטליכע מאל ווען הגה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען אין אוהעלי, אויפן וועג צוריק אהיים, ווען דער באן פלעגט זיך אפשטעלן ביים ליסקא באן סטאנציע, האט ער אויסגענוצט דער געלעגנהייט אין געגאנגען מתפלל זיין במקום שהתפללו אבותיו ביים ציון פון הגה"ק מליסקא זי"ע.




בשנת תרצ"ה האט ער זיך משתטח געווען פאר גאר א לענגערע צייט מער ווי זיין געוואוינהייט (הר"ר שלום שווארץ ז"ל בן הגה"ק המקובל רבי אברהם שווארץ חדב"נ הגה"ק מליסקא זי"ע)

*

**צווישן אנדערע צדיקים וואס זענען געקומען זיך משתטח צו זיין ביומא דהילולא קדישא אויפן ציון המציונת פון הגה"ק מליסקא זי"ע: רבי שמואל קאמאדער מדאראג, רבי נפתלי הירצקא מראצפערטא, בעל אפסי ארץ מנאנאש, רבי שאול ראזענבערג אבד"ק ראצפערטא, רבי שמואל ראזענבערג אבד"ק אונסדארף, רבי מרדכי ליב ווינקלער אבד"ק מאד בעל שו"ת לבושי מרדכי, רבי שלמה זלמן עהרנרייך אבד"ק שימאלוי, בעל שו"ת לחם שלמה, רבי שלום אליעזר האלבערשטאם מראצפערט, רבי דוד דוב מייזליש אבד"ק איהעלי בעל בנין דוד, ועוד.**

*

**כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א** דערציילט אז אמאל ווען ס'איז אויסגעקומען אין א שמועס מיט זיין טאטע **כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא מליסקא זי"ע** צו רעדן פון כ"ק האדמו"ר הרה"ק מטאהש **זי"ע**, האט ער זיך אויסגעדרוקט אז ער געדענקט איהם נאך פון אינדערהיים, ווען ער פלעגט קומען קיין ליסקא אינאיינעם מיט זיין טאטע הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זצ"ל הי"ד, אויף דער יארצייט פון זיידן דער אך פרי תבואה זי"ע.

*

**איין סיפור מני אלף, האט הרה"צ רבי יואל זוסמאן מערץ זצ"ל פון קאשוי דערציילט:**

איינער פון זיינע באקאנטע האט אים דערציילט וואס עס האט פאסירט מיט אים. נאך די מלחמה ווען ער האט געוואוינט אין אונגארן אונטער די קאמוניסטן, האט מען אנגערעדט אויף אים ביי די רעגירונג, און עס האט געווארט אויף אים א ביטער שווערער עונש רח"ל.

זעענדיג זיין שווערע מצב, איז ער געפארן קיין ליסקא זיך משתטח זיין אויפ'ן ציון פונעם ליסקא רב. זייענדיג דארט, האט ער זיך אויסגעגאסן דאס הארץ און שטארק געוויינט, און ער האט געבעטן פון הגה"ק מליסקא זי"ע אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אים, אז ער זאל ניצול ווערן פון די רשעים אז זיי זאלן אים נישט קענען שלעכטס טוהן.

ווען ער האט געענדיגט מתפלל זיין און איז אוועקגעגאנגען פונעם ציון, האט ער געשפירט ווי עס איז אים גרינגער געווארן פון זיינע פראבלעמען. שפעטער האט זיך טאקע אויסגעשטעלט אז ער האט גע'פועל'ט א ישועה ביים ציון. ער איז ארויס אינגאנצן פריי, און זיינע שונאים זענען געבליבן פארשעמט. זיועכי"א



יש אפשרויות לקנות זכות פרנס החודש להיות שותף בהוצאת של האוהל הק' של רביה"ק מליסקא זי"ע, תתקשר לקרן בית ליסקא • 718-436-5555 • Office@BaisLiska.org